**והערב נא ה' אלקינו את דברי תורתך בפינו**

# אינהאַלטסרייכער שמועס

## מיט'ן "ועד החינוך" פון ת"ת תורה ויראה דרב"י סאַטמאַר-קרית יואל מיט אַלע אינפאָרמאַציע אַרום די נייע אָפּטיילונג אינערהאַלב די מוסדות הק'

*אַ ריינפיר:*

*אין די לעצטע טעג איז געוואָרן א שטאַרקע אויפוואַכונג אַרום די נייע אָפּטיילונג וואָס איז געעפנט געוואָרן עטוואָס מער ווי א יאָר צוריק אינערהאַלב די באַרימטע מוסדות הק' דקרית יואל, מיט'ן ציל צו ערמעגליכן פאַר די ליכטיגע תינוקות של בית רבן צו דערגרייכן א געוואַלדיגע ידיעת התורה, סיי בכמות און סיי באיכות, און כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק מסאַטמאַר שליט"א האָט עטליכע מאָל באַזונדער אויסגערימט די אָפּטיילונג מיט אירע הערליכע פּירות, און אַרויסגעברענגט רגשי לבבו ביים מיטהאַלטן עטליכע מאָל די בחינות פון די תלמידים וואָס מ'ווערט ממש ערשטוינט צו זען יונגע קינדער מיט אַזוינע אויסטערלישע ידיעות.*

*פון די אַנדערע זייט זענען אַרויסגעקומען אַזעלכע וואָס האָבן צוליב פּאָליטישע חשבונות באַשלאָסן צו שרייבן און פאַרשפּרייטן שקרים וכזבים קעגן דעם אָפּטיילונג, אינדערצייט וואָס זיי אַליין מאַכן קלאָר אַז 'זיי' ווייסן נישט פּונקטליך דעם סדר הלימוד' וואָס מ'לערנט דאָרט, אָבער דאָס האָט נישט אָפּגעהאַלטן פון אַטאַקירן כאילו "מען איז משנה דעם חינוך און מסורה מדור דור". - און דאָס האָט ווידער אַרויפגעברענגט א ברייטע אינטערעסע ביים ציבור איבער די נייע אָפּטיילונג, צו וויסן און מיטהאַלטן די אַנטוויקלונגען און דעם סדר הלימודים פונעם אָפּטיילונג.*

*מיר האָבן דעריבער זיך פאַרבינדן מיט די חשוב'ע חברי ועד החינוך פון די קרית יואל'ער מוסדות, וועלכע האָבן אַריינגעלייגט במשך די לעצטע אַנדערטהאַלבן יאָר געוואַלדיגע כוחות אַהערצושטעלן דעם אָפּטיילונג אויפ'ן בעסטן און שענסטן פאַרנעם, און פאָלגנד ברענגען מיר פאַר אייך, חשוב'ע ליינער, דברים כהווייתן, א גרונטליכער אַריינבליק פון 'אונטער די קוליסן' פון אַלע אמת'ע דעטאַלן פונעם געוואַלדיגן דורכברוך וואָס מ'האָט באַוויזן אַהערצושטעלן, בעידודו ועפ"י הוראותיו פון סאַטמאַרער רבי'ן שליט"א מרא דאתרא קדישא קרית יואל, וואָס וועט ברענגען בע"ה ווייטגרייכנדע תוצאות לטובת דעם חינוך פון אַזויפיל תינוקות של בית רבן.*

### צוערשט, אויב איר קענט אונז דערציילן וויאזוי איז צושטאנד געקומען דער "ועד החינוך" פון מוסדות קרית יואל, און וויאזוי איר זענט אויפגענומען געווארן אלס מיטגלידער?

ס'איז געוועזן מיט קנאַפּע פערצן יאָר צוריק, אין יאָר תש"ע, האָט כ"ק מרן רבינו שליט"א אונז געלאָזט רופן אין א ווינטערדיגן מוצש"ק, מיר האָבן נישט געוואוסט וואָס דער רבי וויל, אָבער אַז דער רבי רופט איז מען אודאי געקומען.

ווי נאָר מיר זענען אַריינגעקומען האָט דער רבי אונז געזאָגט, אָן קיין שום הקדמות, אַז ער וויל אונז אויפנעמען אַלס ועד החינוך זיך אָפּצוגעבן מיט די תלמוד תורה און אויפהייבן איר ניוואָ צום העכסטן און בעסטן שטאַפּל וואָס מעגליך. ס'איז געווען פאַר אונז א שטאַרקער שאָק, אָבער דער רבי האָט אונז וואַרעם אָנגעווינטשן, און אַרויפגעלייגט אויף אונז די עבודה קשה שבמקדש.

זינט דאַן זענען מיר כסדר עוסק בקדשים, צו טון אַלעס וואָס מעגליך לעשות רצון צדיק און אויספירן די שווערע אויפגאַבע וואָס דער רבי שליט"א האָט אויף אונז אַרויפגעלייגט.

[גראדע האָט איינער פון די אָרגינעלע חברי הועד נישט געקענט מיטהאַלטן צוליב וואָס ער איז זייער אָפּט געווען אָפּוועזנד פון שטאט, און דאַן האָט מען אַריינגעברענגט אַן אַנדערן במקומו].

דער רבי האָט אונז ביי יענע זיצונג געזאָגט אַז דער מוסד שטייט אויף א הויכן שטאפּל, אָבער בעסער האָט נישט קיין שיעור. אויך האָט דער רבי אונז קלאָר געמאַכט, "ס'זענען דאָ מנהלים, איר זענט נישט קיין מנהלים, איר דאַרפט נישט אויפזאָגן קיין מלמדים אד"ג, נאָר זען וואָס מ'קען אַרויפברענגען די תלמוד תורה".

באַזונדער האָט דער רבי געזאָגט אז "איך נעם אויף ענק דריי, אָבער איך וועל זיין דער פערטער שותף אינעם ועד החינוך, און איך וויל אַלעס מיטהאַלטן", און טאַקע מיר האָבן אַלעמאָל געהאַט אַן אָפענע טיר ביים רבי'ן שליט"א. מיר האָבן כסדר געברענגט די אָפּדעיטס און אַנטוויקלונגען פון אונזער אַרבעט, און מיר האָבן זוכה געווען צו האָבן דעם רבינ'ס הדרכה און באַגלייטונג אויף יעדן טריט און שריט.

### אויב מען מעג פרעגן, מ'האט קיינמאל כמעט נישט געהערט פונעם ועד החינוך, וואס האט מען געטון די אלע יארן זינט דאן?

פאַר אונזער אַרבעט האָט קיינמאָל נישט אויסגעפעלט קיין פּרסום, און מיר שטייען געווענליך אַוועק דערפון, ווי דו אַליינס קענסט עדות זאָגן אַז אויך דער דאָזיגער שמועס איז נישט אָנגעקומען צו לייכט... מיר האָבן אַלע יאָרן געאַרבעט שטילערהייט, 'אונטער די קוליסן'. וואָס ס'האָט זיך פאַרלאַנגט פאַר אונזער אויפגאַבע זענען מיר געשטאַנען אין כסדר'דיגע פאַרבינדונג מיט מרן רבינו שליט"א און די הנהלת המוסדות, און סיי ווען ס'האָט אויסגעפעלט, אָבער מיר האָבן נישט געדאַרפט קיין קרעדיט פאַר זיך, און נישט געזוכט אָנצוקומען צום ברייטן ציבור.

נאָר יעצט איז עס געוואָרן א הכרח המציאות ווען אַזויפיל מענטשן ווילן וויסן און הערן די פּונקטליכע דעטאַלן איבער די גרויסע אויפטוען פונעם נייעם אָפּטיילונג, און ווילן אויך וויסן וואָס איז אמת און וואָס נישט, דעריבער זענען מיר איינגעגאַנגען אַרויסצוקומען צום ברייטן פּובליקום.

צו די עצם פראַגע דיינע. ווי פאַרשטענדליך, תיכף נאָכ'ן ווערן באַאויפטראַגט דערצו דורכ'ן רבי'ן, האָבן מיר זיך אַריינגעוואָרפן יומם ולילה נאָכצוגיין און פאַרשטיין יעדן פּרט ופּרט פון די רוחניות'דיגע חלקים וואָס שפּילט זיך אינערהאַלב די מוסדות הק'. זען אויב ס'איז דאָ וואָס מ'דאַרף פאַרבעסערן און וואָס מ'קען אויפטון צו הייבן נאָכמער דעם ניוואָ פון די קרית יואל'ער מוסדות, וועלכע זענען פקיע שמייהו איבער דער גאָרער וועלט מיט דעם אויסגעצייכנטן חינוך.

### וואס איז געווען דער 'שפּיץ' פון אייער ארבעט?

ס'האָט אונז נישט געדאַרפט דויערן לאַנג ביז מיר האָבן געזען אַז במשך די לעצטערע יאָרן איז אַנטשטאַנען א גרויסער שינוי בנוגע די לימודים וואָס מ'לערנט צווישן אַמאָל און היינט. - און ס'דאַרף קלאָרגעשטעלט ווערן תיכף ומיד. דער טויש איז נישט עפּעס וואָס איז אייגנאַרטיג פאַר קרית יואל! אַלע מוסדות התורה אין אַמעריקע, און ווען מ'זאָגט "אַלע" מיינט עס "אַלע", האָבן במשך די יאָרן זייער אַסאַך אַראָפּגעשניטן פון וואָס

און וויפיל און וויאַזוי מ׳פלעגט לערנען מיט די קינדער אַמאָל.

## וואס איז טאקע די סיבה אז מ׳האט אזויפיל געטוישט און געשניטן פונעם אמאליגן סדר הלימודים?

ס׳האָט מסתמא מערערע סיבות, אָבער א הויפּט נקודה איז די כלליות׳דיגע קללה אַז היינט צו טאָגס פעלט ״פאָקוס״, עפּעס וואָס דערקענט זיך אין די גאַנצע וועלט, הקטנים עם הגדולים, אין די אידישע וועלט ווי להבדיל די גוי׳אישע וועלט. און ווען קינדער זיצן נישט איין אין קלאַס, איז דאך אודאי נישט שייך צו לערנען וויפיל מ׳דאַרף.

היינטיגע צייטן האָבן מענטשן נישט קיין געדולד צו גאָרנישט. א גרויסער חלק מענטשן וועלן ניטאַמאָל האָבן קיין געדולד צו ליינען דעם שמועס... און אויב ערוואַקסענע האָבן פאַרלוירן דעם געדולד, וואָס קען מען שוין ערוואַרטן פון קליינע קינדער אין חדר?!

## צוריק צו אונזער שמועס, וויאזוי האבן זאכן זיך געדוקט ווייטער?

ווי געזאָגט, האָבן מיר זיך גענומען שטאַרק אַריינלייגן אינעם סדר הלימודים, און מיר האָבן געזען אַז דער ניוואָ פון די לימודים איז געפאלן היינט צו טאָגס. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן ביי פילע מוסדות, פון פילע קרייזן, און מיר האָבן געזען אַז דער פּראָבלעם איז א ׳מכת מדינה׳. פון זייער אַסאַך פלעצער האָבן מיר געהערט אַז היינט לערנט מען ווייניגער, צומאָל איז עס געווען באַגלייט מיט א קרעכץ פון ״ירידת הדורות״, און גאַנץ אָפט ניטאַמאָל דאָס. אַזוי איז עס, מ׳לערנט ווייניגער און פאַרטיג.

מיר האָבן אויך געהערט פון רבי׳ן שליט״א דאָס זעלבע, אַז ס׳טוט אים וויי דער מציאות וואָס היינט לערנט מען אַזויפיל ווייניגער, אָבער נאַטורליך איז די שאלה געווען, וואָס איז דען שייך צו טון? אין די זעלבע צייט זענען פילע אַנדערע נושאים אַרויפגעקומען אויפ׳ן טיש, און מיר זענען ב״ה אַלעמאָל געווען גענוג פאַרנומען, אַזוי אַז מיר האָבן נישט געהאַט געטראָפן קיין ריכטיגע לעזונג דערצו.

עטליכע יאָר שפּעטער האָבן מיר איינגעזען אַז מ׳מוז האָבן א פעאיגן מענטש וואָס זאָל זיך אָפּגעבן מיט די עבודה קשה שבמקדש צו האָבן קאָנטראָל אויף די לימודים און הלוך ילך פון גאַנצן מוסד. פון יאָר צו יאָר זענען די מוסדות הק׳ קרית יואל געוואַקסן אומאויפהערליך בלעה״ר כ״י, און מ׳האָט געדאַרפט צוזאַמברענגען דעם גאַנצן מוסד אונטער איין פירערשאַפט.

מיר האָבן דאַן געאַרבעט מיט די הנהלת המוסדות אַז מ׳זאָל אויפנעמען הרה״ג ר׳ ברוך שלמה ווייַנבערגער שליט״א, וועלכער איז ביז דאַן געווען דער מנהל פון כיתה ט׳ [וואָס רופט זיך היינט ״מכינה לישיבה״], אַלס ראש המנהלים, וואָס ס׳איז גענצליך איבריג צו מאריך זיין וואָס איז גוט באַקאַנט, בפרט פאַר תושבי קרית יואל, איבער די אויסטערלישע און געטרייע אַרבעט וואָס ער לייגט אַריין יומם ולילה מיט גרויס געניטשאַפט און איבערגעגעבנקייט צו הייבן דעם ניוואָ פון די מוסדות הק׳ עשרת מונים.

און ס׳דאַרף טאַקע אַרויסגעברענגט ווערן בשער בת רבים, אַז אָ הויפּט גורם צו דעם וואָס די תלמוד תורה אין קרית יואל שטייט אויף אַזאַ הויכן ניוואָ, וואָס ווערט געשעצט און אויסגערימט אין גאַנצן עולם החינוך איבער די וועלט, איז אַדאַנק די אומערמידליכע עבודת הקודש פון ר׳ ברוך שלמה שליט״א, וואָס יעדער מנהל און יעדער מלמד און יעדער טאַטע אין קרית יואל האָט אַלעמאָל ביי אים אַן אוזן קשבת, און ער באַווייזט כסדר אויפצוטון גדולות ונצורות צו הייבן דעם מוסד למעלה למעלה.

ערגעץ אין יענע תקופה איז הגה״צ רבי שמואל דוד סאַקס שליט״א, היינט רב שכונת קעסקעיד ודומ״ץ ביהמ״ד בנין געלבשטיין דקהל יטב לב דסאַטמאַר-וויליאַמסבורג, אַרויסגעקומען מיט א ספּעציעלן הפלא׳דיגן מהלך טאַקע איבער די נושא וויאַזוי צו לערנען מיט קינדער, בפרט היינטיגע קינדער, אויף א וועג אַז זיי זאָלן קענען לערנען און פאַרשטיין אַסאַך מער און אַסאַך גרונטליכער, אַרויסצוהאָבן דעם פּירוש המילות פון וואָס מ׳לערנט, און נאָך פאַרשידענע נקודות.

מיר זענען דאַן עטליכע מאָל אַריינגעפאָרן קיין וויליאַמסבורג, צוזאַמען מיט הרה״ג ר׳ ברוך שלמה שליט״א, און געזעצן מיט אים בנוגע וויאַזוי צו אימפּלעמענטירן דעם מהלך אין די תלמוד תורה אין קרית יואל. און במשך די צייט איז כסדר צוריק אויפגעשווימען די נושא איבער וויאַזוי מ׳קען לערנען מער מיט די קינדערלעך, צו מקיים זיין דעם ״ושננתם לבניך״ אויפ׳ן העכסטן פאַרנעם וואָס מעגליך

## ווען איז מען אנגעקומען צו די איצטיגע פאזע פון די נייע אפטיילונג?

אין די לעצטע יאָרן, נאָכ׳ן זוכן און נישטערן, זענען מיר געוואויר געוואָרן אַז אין ארץ ישראל לערנט מען יאָ מער מיט די קינדער פון וויפיל מ׳לערנט היינט דאָהי, בפרט נאָך וואָס אורחים וועלכע האָבן באַזוכט די סאַטמאַרע מוסדות אין ירושלים און בני ברק האָבן צוריקגעברענגט גרוסן מיט גרויס התפּעלות איבער די ידיעות וואָס אָרטיגע קינדער האָבן.

דורכאויס דאס נאָכגיין דעם סדר הלימודים אין ארץ ישראל׳דיגע מוסדות, האָבן מיר אויך געהערט איבער א ספּעציעלן מעטאָד וואָס מ׳רופט ״זכרו תורת משה״, א געוויסער מהלך וואָס ערמעגליכט די קינדער צו לערנען אַסאַך מער און קונה זיין יונגערהייט אויסטערלישע ידיעות התורה. [זעט מער שפּעטער.]

פאַרשטייט זיך אַז דאָס איז אונז געווען זייער אינטערעסאַנט. ספּעציעל ווען מיר האָבן צוריקגעהערט עפּעס אויסטערלישע

כבוד נכדי אהובי הרב הגאון שלם מאד בתוי״ כש״ת מהר״ר יוסף בנימין הלוי שליט״א, רב אלעד, ר״מ בישיבתינו לאי״ט.

אחדשה״ט וש״ת באהבה,

**אשר** שאלת כהלכה בענין סדר הלמודים של הקטנים שהגיעו לשנת למוד מקרא בגיל חמשה, כמבואר במשנתינו סופ״ה דאבות בן חמש למקרא, והיות כי כמה שנים כבר קיים פה עיה״ק ת״ת זיו התורה שחזרו לראשונות ללמוד עם הילדים כה״ת מבראשית עד הסוף בסדר אחד לא מדלגים מפרשה לפרשה לפי פרשיות השבוע כנהוג ברוב ת״ת, והם חוזרים על משנתם להיות הכל שגור בפיהם הדק היטב עם ביאור תורה שבע״פ חז״ל השייכים לפסוקי קודש ואח״כ למוד משניות כל סדר מועד על הסדר תורה שבע״פ, והם מצליחים מאד בדרכם זה והנסיון והבחינות יעידו, ומשמיעים להם ג״כ בכל שבוע גם מעיקרי הפרשה.

**ואתה** שואל בשבילך להצלחת חינוך ילדיך היקרים, ואתה שואל בשביל עיר אלעד שיסדת שם ת״ת אם להנהיג כמו על עכשיו או לאחוז בדרך מוצלח הזה כי הנסיון יותר ממאה עדים, ובפרט אם נעשה הכל על טהרת הקודש ויראה קדומה.

תורה שבכתב דהיינו חמשה חומשים שיש על כל פסוק ותיבה מסורת קדושת תורה שבע״פ שהם מקיימי חיינו לאמונת ה׳ ותוה״ק, זה נשאר קיים, ויש חיוב להרגיל לתלמידים הרכים בזה בתחלת למודם.

**דהיינו** שלא רק לדעת איזה פרשה נקראת בשבוע זאת, אלא ללמוד כמה שנים תורה שבכ׳ על הסדר והמלמדים מפרשים להם קיצור פירושי חז״ל והלכות על כל מקרא ומקרא מתחלת התורה עד סופה, זה יסוד עצום לתועלת הדורות, ומרחיק התינוקות מסכנת המינים ואפיקורסים, ומקרב עצמם כבר אז לתורה שבע״פ באופן הנ״ל.

**וכמדומני** שאין אחד יכול לפקפק בזה כי דרך זה הוא תועלת עצומה מאד לימוד ויסודי התורה ומאד היראה, בפרט הנ״ל שמודיעים להם עוד כל שבוע מעין הפרשה, ואיני רואה בזה שום נטי׳ ח״ו מדרך המקובל מאבותינו ורבותינו, אשר הוא נר לרגלינו.

והנני רבך זקינך באה״ר דוש״ת בלונ״ת, מצפה לחסדי ה׳.

**פוסק הדור הגאון האדיר רבי שמואל הלוי וואָזנער זצ״ל, אין שו״ת שבט הלוי (חלק י״א סי׳ רכ״ו), שרייבט א תשובה צו זיין אייניקל יבל״ח כ״ק אדמו״ר משבט הלוי שליט״א, וואו ער לויבט גאָר שטאַרק אויס דעם סדר הלימוד אין ת״ת זיו התורה אין בני ברק, און ברענגט אַרויס דעם געוואַלדיגן אויפטו פון דורכלערנען די גאַנצע תורה פון אָנהייב ביז׳ן סוף עטליכע יאָר על הסדר וואָס ״זה יסוד עצום לתועלת הדורות״**